Tel Aviv - 1971

# מעדעם־
# סאַנאַטאָריע־
# בוך

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"א — 1971

שאַשקע פליגעל־ערליך

# מיינע זכרונות פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

נישט אַלץ, וואָס איז געווען געדענקט מען, נישט אַלץ, וואָס מען געדענקט, אָדער וואָס מען טראַכט ביים געדענקען, לאָזט זיך אַנטאָן אין פאַרשריבענע ווערטער פאַר אַלעמען צום לייענען. זענען דעריבער פאַרשריבענע זכרונות טאָפּל סעלעקטיוו: מיר זענען נישט אַלע מאָל בכוח צוריקצורופן אין זכרון דאָס אַוועקגעגאַנגענע; נישט אַלץ, וואָס איז אונדז שוין יאָ געראָטן צוריקצורופן זעט אונדז אויס צו האָבן גענוג האָפּט פאַר היינט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז דאָך געווען ערב היטלער, ערב חורבן פון יידישער מזרח־אייראָפּע, ערב טאָטאַלן אונטערגאַנג פון אַ דור מיט אַ גראַנדיעזן חלום וועגן דער יושרדיקסטער פון אַלע וועלטן. וואָס ווערט פון חלומות, ווען זייערע טרעגערס ווערן פאַרשניטן? צי גייען חלומות איבער בירושה? ווו זענען די בעלנים אויף צו ירשענען יענע חלומות? אָן אַ שיִער פרעגצייכנס שטעלן זיך אין וועג און לאָזן נישט אויספורעמען קיין כראָנאָלאָגיש גלאַטיקע מעשה שהיה.

„אַ קינד פון מעדעם־סאַנאַטאָריע" איז געווען אַ טיטל וואָס מען האָט געקריגן, אַז מען איז אָפּגעווען אין סאַנאַטאָריע אַ חודש צי מער. מען איז דעמאָלט געוואָרן אַ גראַדואַנט פון אַן אויסטערלישער שול, וואָס איז געווען האַלב חלום האַלב וואָר. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווו פּראָפילאַקטישע מעדיצין האָט פאַרהיט יידישע אַרבעטער־קינדער פון טובערקולאָז, האָבן זיך צונויפגעשפּונען דער קאָלעקטיווער חלום פון „בונד" מיט די אינדיווידועלע חלומות פון אידעאַליסטישע דאָקטוירים און פּעדאַגאָגן, און פון דעם איז געבוירן געוואָרן אַ זיכערע ראיה, אַז אויב מען וויל זייער שטאַרק, קען די וועלט זיין טאַקע שיין.

*

קיינער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער די קראַנקן־שוועס־טערס האָט מען אין סאַנאַטאָריע גערופן „לערערינס": „לערערין בערנשטיין", „לערע־רין דאַנציס"; דער טראָפּ איז געווען נישט אויף קראַנק זיין, נאָר אויף פּעדאַגאָגיק. אָט האָט אַפילו די לערערין וויטשיק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּלאַנירן די מאָלצייטן, גלייכצייטיק אַריינגעפירט נייע ווערטער אין דער סאַנאַטאָריע־שפּראַך: וויטאַמינען, פּאָמידאָרן, שפּינאַט, קאַלאַפיאָר, פאַרנאַכט־עסן. מען האָט ביי איר געמוזט וויסן וואָס מען עסט.

★

ווי הויך איז דער לערער טראָופיאַנסקי? די קינדער מיינען, אַז ער איז דער העכסטער. זיין שוואַרצע טשופּרינע טורעמט איבער די קינדערשע קעפּלעך, און פונעם טונקעלן פּנים זיינעם לייכטן צו זיי אַראָפּ צוויי שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן און צוויי שורות ווייסע פינקלענדיקע ציין. צעלאַכט ער זיך אויף אַ קול, קלינגט דאָס געלעכטער מיט אַ פאַרבעטונג צו שטיפעריי, צו שפּילן זיך אין יאַגעלעך, אין כאַפּערלעך, אָדער אין הוידען זיך אויף אַ צווייג פון אַ סאָסנע מיט איין האַנט צי מיט בײדע. אַ מאָל טרעפט, אַז טראָופיאַנסקי הייבט אָן גלאַט אַזוי שטעלן גיכע טריט, הייבן אָן די קינדער אים נאָכלויפן; גיט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל אָפּ, נעמען די פאַנאַנדערגעלאָפענע קינדער פאַלן איינס אויפן אַנדערן און ס׳ווערט אַ לאַכעדיקער קוויטשעדיקער כאַר.

טראָופיאַנסקין זעט מען אָפט מיט זיין קאָנצערטינע אין האַנט. אַ מאָל שטייט זי נעבן אים אויפן טיש אין עס־צימער בעת אַ מאָלצייט. דאָס מיינט, אַז מען וועט באַלד זינגען. אין קעשענע ליגט ביי אים אַלע מאָל אַ פייפל, וואָס די קינדער האָבן אַ נאָמען געגעבן דאָ, ווייל נאָך יעדן פייף זינגט דער לערער: דאָ־אָ־אָ!

טראָופיאַנסקי איז אַ ווילנער. ער האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־סעמינאַר; ער איז אַ בונדיסט פון דעם יונגן דור פון צווישן בײדע וועלט־מלחמות אין פּוילן. אין מעדעם־סאַנאַטאָריע שטעלט ער זיינע ערשטע לערערשע טריט, אָבער זיין גאַנג איז שוין אַ פעסטער: ער איז אַ לערער פון געזאַנג. אַלץ הייסט אַ לערער פון געזאַנג! ער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, ער איז דורך און דורך מוזיק. די קינדער האָבן אַפילו געהערט, אַז דער לערער טראָופיאַנסקי האָט „געשאַפן אַן אָפּערע". מען האָט אָפט געזונגען שטיקלעך פון זיין מוזיק צו מ. ווײַנרייכס פּורים־שפּיל מכירת־יוסף, וואָס דער ווילנער לערער־סעמינאַר האָט אַזוי געראָטן אויפגעפירט. אָבער זיי האָבן דאָך אַליין געפילט דעם קינסטלער אין אים און דערפאַר האָבן זיי זיך צו אים אַזוי געקלעפּט. מאַני לייב האָט אָנגעשריבן אַ ווינטער־מעשהלע אין פערזן, וואָס מען האָט געלערנט אין די ייִדישע שולן, אָבער מען האָט געדאַרפט הערן ווי טראָופיאַנסקי זינגט פאַר די קינדער „בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט", כדי צו וויסן, אַז מוזיק קאָן פאַרכישופן ווערטער.

טראָופיאַנסקי פלעגט שפּילן מיט די קינדער אַ שפּיל אין גרינס. די מעלה פון דער שפּיל איז געווען, וואָס מען האָט זי געקענט שפּילן וואָכן נאָך אַנאַנד. עטלעכע אירע (די צאָל איז נישט באַגרענעצט) מאַכן אָפּ צווישן זיך, אַז זיי וועלן שטענדיק האָבן ביי זיך עפּעס אַ סימן גרינס: אַ בלעטל, אַ גרעזל, אַ שטענגל, אַ גרינעם עפּל, אַ גרינעם ווײַנטרויב, וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי גרין. ייִנגלעך פלעגן זייער גרינס האַלטן אין קעשענע, מיידלעך האָבן אָפט געמוזט צושפּיליען דאָס גרינס מיט אַ שפּילקע צום קליידל, אָדער אויב מען האָט געהאַט צעפּלעך, האָט מען עס אַריינגעפלאָכטן אין צעפּל. מען איז טאַקע געווען כסדר אַרומגערינגלט מיט גרינס, אָבער מען האָט נישט אַלע מאָל געדענקט צו האָבן עס ביי זיך. איז גאָרנישט אַזוי שווער געווען צו פאַרשפּילן. אָבער צום שווערסטן איז געווען צו כאַפּן אָן גרינס דעם לערער טראָופיאַנסקי, ווייל ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרעזל, אָדער אַ בלעטל אין מויל. איין מאָל האָבן עטלעכע קינדער זיך צונויפגערעדט אָפּצוּוואַרטן אים ביים טויער פון דער

סאַנאַטאָריע, ווען ער האָט געדאַרפט צוריקקומען אַ שטאָטיש־אויסגעפּוצטער פון וואַרשע. דעמאָלט וועט ער זיכער האָבן פאַרגעסן אָנעם גרינס. דערזעט טראָופּיאַנסקי פון דער ווייטנס, אַז חברה שטייט ביים טויער, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין דער הייך, האָט מיט די ציין אָפּגעריסן אַ פּאָר גרינע נאָדלען פון דעם נאָענטסטן סאָסנע־בוים און עס געהאַלטן אין מויל. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער, האָבן די קינדער אויסגערופן: גרינס! האָט דער לערער געעפנט דאָס מויל און געוויזן אַ פולן מויל גרינע נאָדלען. האָט אָבער אַ קליין ייִנגעלע געפרעגט: „פאַר וואָס האָט דער לערער געגעבן אַ שפּרונג צום בוים”? „ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין גרינס”, האָט דער לערער געענטפערט. און די קינדער האָבן געוווּנען.

*

אין סאַנאַטאָריע טומלט זיך היינט. שלום אַש איז געקומען צו גאַסט. איין קלייניקייט, שלום אַש! מיט אים איז מיטגעקומען אַ גרופּע שרייבערס און זשורנאַליסטן פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. די קינדער מאַכן אַ גרויסע ראָד און נעמען אַריין אַלע שרייבערס אין מיטן. די פרייד איז גרויס. איין קינד באַגריסט די שרייבערס, אָבער באַזונדער שלום אַשן, דעם „פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור”. שטייט שלום אַש, אַזאַ ריז אין אַ שוואַרצער פעלערינע, און קוקט אַריבער אַלץ און אַלעמען. ער זאָגט עפּעס, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען הערט קוים. שפּעטער האָט ער אַריינגעשריבן אין דעם גאַסטבוך אַ לויב „...פאַר די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס בויען די מעדעם־סאַנאַטאָריע...” ווען האָט דאָ שלום אַש געהאַט אין זינען? די קינדער, די לערער? איז געבליבן אַ קשיא.

*

משה נאַדיר איז געקומען פאַרברענגען אַ טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. גייט צו־צו אים אַ קינד און הייסט אים זאָגן: „גיב מיר”. זאָגט ער: „גיב מיר”. גיט אים דאָס קינד אַ פּאַטש איבערן האַנט און זאָגט: „נאַ דיר”. איז משה נאַדיר געבליבן שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און געזאָגט: „זע נאָר ווי זיי האָבן געכאַפּט מיין סטיל. כ׳בין מיך אַזש אַליין מקנא”.

*

ווען משה נאַדיר איז מיטאָג־צייט געזעסן אין עס־צימער ביים טיש מיט די קינדער, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם ווי דער לערער שלמה גילינסקי פירט טיש. צווישן איין מאכל און אַ צווייטן האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פון זיינע באַרימטע רעדעס צו די קינדער. דער ענין איז אַ האַרבער: ווער זאָל אויף זיך נעמען די נישט־אָנגענעמע אַמטן? אויף דער אַלגעמיינער קינדער־פאַרזאַמלונג ווילט מען אַ פאָרזיצער, אַ סעקרעטאַר, אָבער אויף אַן אַמט דאַרף מען זיך אַליין פאַרלייגן. מען דאַרף טאָן די אַרבעט פרייוויליק. פאַר טייל אַמטן, למשל, ביבליאָטעקאַר, איינלייגן די דעקעס פון די ליג־בעטלעך אויף דער וועראַנדע, פאַנאַנדערטיילן די טערמאָמעטערס און פאַרשרייבן די היץ, זענען אַלע מאָל פאַראַן אַ סך קאַנדידאַטן.

אָבער קיינער הייבט נישט אויף די האַנט און זאָגט נישט: איך וויל זיין אַן אויפזעער איבער די נאַכט־טעפּלעך. מיר האָבן אין סאַנאַטאָריע קליינע קינדער און מיר מוזן האָבן די נאַכט־טעפּלעך פאַר זיי. ווער זשע זאָל אויף זיי אַכטונג געבן? קיין אָנגענעמער אַמט איז דאָס טאַקע נישט, אָבער עמעצער מוז דאָך דאָס טאָן. ביי אונדז צווינגט מען קיינעם נישט צו נעמען וואָסער נישט איז אַמט. בלייבט נישט קיין אַנדער ברירה, נאָר אַז די אינטעליגענטסטע קינדער, וואָס פאַרשטייען ווי וויכטיק דער אַמט איז פאַר אונדז אַלעמען, זאָלן פרייוויליק זיך פאַרלייגן צו דער שווערסטער, נישט־אָנגענעמסטער אַרבעט. משה נאַדיר האָט אין זיין קליינינקן נאָטיצביכל פאַרשריבן: נאַכט־טעפּלעך — זייער אַן אינטעליגענטער אַמט.

*

אין קלוב־צימער אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויסע צייכענונג: אַ שטאַרק פאַרצווייגטער בוים מיט אויפשריפטן אויפן שטאַם און אויף די באַזונדערע צווייגן. דאָס איז געווען דער סימבאָל פון דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער רעפּובליק, די קינדערשע אַליין־פאַרוואַלטונג. די העכסטע אויטאָריטעט איז געווען די אַלגעמיינע קינדער־פאַרזאַמלונג. אָט דער בוים איז געווען אַ טייל פון שלמה גילינסקיס חלום. ער פלעגט כסדר טענהן: די קינדער וועלן אונדז אויסלערנען ווי אויפצובויען אַ יושרדיקע וועלט.

*

היינט איז ערב יום־כיפור. דער לערער גילינסקי איז היינט געקומען פון וואַרשע און ער וועט שוין דאָ בלייבן גענצטיקן. מאָרגן איז דער וואַרשעווער סעקרעטאַריאַט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשלאָסן, וועט שוין דער לערער פאַרברענגען דעם טאָג אין סאַנאַטאָריע. צום אָוונט־ברויט האָט מען היינט סערווירט וואַרשעוועריש געקאָכטע קאַרפּ (געפעפערט און געצוקערט) מיט קלוסקעלעך באַגאָסן מיט פיש־יויך. אין עס־צימער איז נישט אַזוי ליכטיק ווי געוויינטלעך ביים אָוונט־ברויט. נישט אַלע לאָמפּן האָט מען אָנגעצונדן. דער לערער ש. גילינסקי רעדט צו די קינדער וועגן דעם, ווי מען פּראַוועט יום־כיפור אין פאַרשידענע היימען; אַ קינד לייענט יהואש׳ס אַ יום־כיפור מעשׂהלע. אין עס־צימער איז זייער שטיל, די שטימונג האַלב פייער־לעך, האַלב שרעקעוודיק, אָבער מודה זיין זיך, אַז מען איז איבערגענומען, פּאַסט נישט. די עלטערע קינדער האָבן אויף צו מאָרגנס געהאַט טענות צום לערער: די סאַנאַטאָריע איז אַ וועלטלעכע אינסטיטוציע, צו וואָס איבערשרעקן די קליינע קינדער? דער אמת איז, אַז קליינוואַרג האָט תיכף אָנגעהויבן שטיפן ווי קיין מאָל גאַרנישט, איבערגענומען האָבן זיך גראָד די „וועלטלעכע" עלטערע קינדער. דער לערער גילינסקי האָט זיך פאַר זיי פאַרענטפערט: כדי צו קענען זאָגן ניין, דאַרף מען פריער גוט פאַרשטיין דעם יאָ. די דיסקוסיע אַרום רעליגיע, וועלטלעכקייט, דערציִונג, דערוואַקסענע, קינדער — האָט מען געמוזט איבעררייסן אין מיטן, אויפן האַלב וועג צו דער באַן־סטאַציע אין מיעדזעשין. נאָר ביזן האַלבן וועג האָבן די עלטערע קינדער געמעגט באַגלייטן דעם לערער. זיי האָבן זיך נישט געטאָרט צו פיל פאַרמאַטערן מיט גיין.

★

אין 1926 איז נאָך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע קיין עלעקטריע נישט געווען. אין עס־צימער האָבן געברענט הענג־לאָמפּן. אין די שלאָף־צימערן פלעגט מען זיך אויסטאָן ביים שיין פון אַ ליכטל. דאָס לייכטערל מיטן אָנגעצונדענעם ליכט האָט מען געדאַרפט היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ: ביידע בנינים פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען הילצערנע. האָט מען אויף גיך געדאַרפט זיך אויסבעטן, אויסטאָן זיך, אָנטאָן דאָס נאַכט־העמד און תיכף אַרונטערקריכן אונטער דער קאָלדרע. די לערערס זענען דערנאָך אַרומגעגאַנגען פון צימער צו צימער צונויפנעמען די ליכט, געזען די פענצטערס זאָלן זיין אָפן אויף ביי נאַכט און געזאָגט אַלעמען „אַ גוטע נאַכט". מען איז געשלאָפן צו צוויי, צו דריי אין אַ צימער. די קליינינקע פלעגן באַלד איינשלאָפן, די עלטערע אַ ביסל שפּעטער. פריער האָט מען נאָך איינס מיטן אַנדערן געפירט אַ שעפּטשעדיקן שמועס ביז מען איז מיד געוואָרן און נישט־ווילנדיק פאַרט איינגעשלאָפן. האָט אַ מאָל געטראָפן, אַז אין איין צימער, וווּ קיין קליינע קינדער זענען נישט געשלאָפן, זענען צוויי עלטערע קינדער געפאַלן אויף אַ נישט־כשרן פּלאַן: לייענען אַ בוך פאַרן איינשלאָפן. אין דער סאַנאַטאָריע־ביבליאָטעק האָט זיך גראָד באַוויזן ראָמען ראָלאַנס זשאַן קריסטאָף, אייך עקזעמפּלאַר בסך־הכל און לייענערס אַ סך מער. אין סאַנאַטאָריע האָט מען קיין זאַך נישט פאַרשלאָסן, האָבן די עלטערע קינדער פּשוט גענומען ביי טאָג פון אַן אָפענעם צימער אַרויס: אַ לייכטער, אַ ליכט און שוועבעלעך. ביי נאַכט, נאָך דעם ווי די לערערס האָבן געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", האָט מען אין צימער ווידער אָנגעצונדן אַ ליכט, געשטעלט דאָס אויף דער ערד, מען זאָל פון דרויסן נישט זען קיין באַלויכטענעם פענצטער און מען האָט געלייענט. דעם אמתן טעם פון לייענען זשאַן קריסטאָף האָט מען ערשט דערפילט, ווען מען איז געלעגן אויפן בויך האַלב־אַרויסגעהאָנגען פון בעט און געהאַלטן דאָס בוך גענוג נידעריק, אַז דער שיין פונעם אָנגעצונדן ליכטל זאָל פאַלן פונקט אויף די שורות, וואָס מען האַלט אין לייענען. דער תענוג האָט געדויערט עטלעכע נעכט בסך־הכל. ווידער האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פון זיינע רעדעס צו די קינדער. ער האָט גערעדט גלאַט אַזוי, וועגן ייִנגערע קינדער און עלטערע קינדער און וועגן דעם, אַז די עלטערע קינדער דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר די קלענערע, זיי דאַרפן וויזן די קלענערע קינדער, וואָס עס מיינט זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער סאַנאַטאָריסט. אַן עלטער קינד דאַרף אויפקלערן די קלענערע, למשל, פאַר וואָס די לערערס גייען אַליין אַרום איבער די צימערן און לעשן ביי נאַכט אויס די ליכט, פאַר וואָס ס'איז נאָך ביי אונדז נישטאָ קיין אַמט פאַר לעשן ליכט. מער האָט מען שוין ביי נאַכט נישט געלייענט.

★

אין סאַנאַטאָריע זענען געוואַקסן בלומען. אינעם טרוקענעם סאָסנע־וואַלד, וווּ די סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען, זענען געוואַקסן גאַנץ ווייניק פעלד־בלומען, האָט מען אין סאַנאַטאָריע פאַרזעצט אַ בלומען־גאָרטן. עס זענען דאָרט געוואַקסן נאַסטורציעס, חנהלעס אייגעלעך, געאָרגיניעס, אַסטרעס — און אַלץ פון פאַרשידענע קאָלירן. קיינער האָט אַזוי נישט אָנגעקוואָלן פון די בלומען ווי דער לערער גילינסקי. אַז ער פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג אין סאַנאַטאָריע, האָט ער פונקט אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס

עס מאַכן די בלומען ווי וואָס עס מאַכן די קינדער. איין מאָל אין אַן אינדערפֿרי, ווען דער לערער גילינסקי האָט געגעכטיקט אין סאַנאַטאָריע, האָט אַ ייִנגעלע אָנגעקלאַפּט אין זיין צימער און מיט אַ ציטערדיק קול געלאָזט וויסן: „לערער גילינסקי, מען האָט אויסגעריסן אַלע בלומען, קיין איין בלום איז נישט געבליבן״. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן דער לערער גילינסקי מיט א צעשויבערטן קאָפּ האָר, אַן ברילן אויף די זייער קורצזיכטיקע אויגן, אַ צעשראָקענער. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט עפּעס צו פֿרעגן, האָט אַ צעשמייכלטער שטיפֿער זיך מודה געווען: „כ׳האָב געמאַכט אַ שפּאַס״. צעלאַכט זיך דער לערער, צעפּאַטלט ביים חברה־מאַן די האָר אויפֿן קאָפּ און זאָגט: „אַוודאי אַ שפּאַס. ווער וועט דאָס וועלן, אַז די סאַנאַטאָריע זאָל בלייבן אָן בלומען״?

ש. גילינסקי האָט מיט די בלומען נאָר געמאַכט אַן אָנהייב. שפּעטער איז אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אָנגעקומען אַרבעטן דער לערער ביבער, דער ביאָלאָג, וואָס האָט איינגעפֿירט גאָר אויסטערלישע זאַכן: אַ טויבנשלאַק מיט טויבן, שטייגן מיט קראָליקעס און הינער, און אַפֿילו אַן אינקובאַטאָר אויף אויסצוברי׳ען הינדעלעך. צי קען זיך עמעצער פֿאָרשטעלן אַ מער גליקלעך ייִנגל ווי אַ ייִנגל אַן אויפֿזעער איבער טויבן? דערקענען פֿייגל לויט זייער צוויטשער איז געוואָרן אַן ענין פֿאַר קינדער וויסנשאַפֿטלערס און קינדער פּאָעטן צו גלייך. מען האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פֿויגל, וואָס האָט געצוויטשערט זי־זי־ביי און מען האָט אים טאַקע גערופֿן זיזיביי. דעם לערער גילינסקין איז פֿון דעם אַלעמען צוגעקומען אַ שטיק געזונט. די חברים זיינע פֿלעגן זאָגן: דאָס איז שלמה גילינסקיס טעריטאָריאַליזם, וואָס ער האָט אַריבערגעשמוגלט פֿון דער עסעס־פּאַרטיי אין „בונד״ אַריין. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז זיין טעריטאָריע.

שלמה גילינסקי האָט געשמט פֿאַר אַן אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטירטן לערער. פֿון די צייטן, ווען ער האָט אין פֿאָלקשול געלערנט אַריטמעטיק און קולטור־געשיכטע, זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. זיינע געוועזענע תּלמידים פֿלעגן דערציילן, אַז דעם לערער גילינסקיס אַ לעקציע איז געווען ווי אַ פֿאַנטאַסטישע נסיעה אין ווייטע לענדער אַריין. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט שלמה גילינסקי אויסגעפּרוווט זיינע פּעדאַגאָגישע טעאָריעס, אָבער ער האָט זיך אויך אַליין אידענטיפֿיצירט מיט די קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס האָבן געבענקט נאָך שיינקייט.

מען האָט געהאַט גרויסע טענות צו שלמה גילינסקין אויך:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אַן אומרעאַלע וועלט. זי איז צו ווייט פֿון די קינדערשע היימען. די סאַנאַטאָריע פֿרעמדט אָפּ דאָס קינד פֿון זיין היים. עס קומט צוריק אין שטאָט און נעמט קוקן אויף זיין היים פֿון אויבן אַראָפּ. אים געפֿעלט נישט מער דאָס עסן, ער פֿאָדערט נייע פֿירונגען: צאָנבערשטלעך, באַזונדערע האַנטעכער, אָפּטע בעדער. טייל עלטערן קענען דאָס נאָכגעבן, אַנדערע נישט. צו וואָס שאַפֿן קאָנפֿליקטן מיט דער היים? די סאַנאַטאָריע איז דאָך נאָר אויף דערווייל, די היים — אויף כּסדר.

האָט שלמה גילינסקי געענטפֿערט:

נישטאָ קיין צו גוט פֿאַר אונדזערע קינדער. עס וועלן נישט זיין קיין קאָנפֿליקטן מיט דער היים, ווייל מיר, צוזאַמען מיט די קינדער, ווילן דאָך טאַקע אַריינפֿירן נייעס אין דער היים. די עלטערן, וואָס שיקן צו אונדז זייערע קינדער, האָבן צו אונדז צוטרוי

און זיי איז ליב, וואָס די קינדער ברענגען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַהיים. די
קינדער זענען נאָר די ערשטע שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן דעם פרילינג. צוזאַמען מיט זיי
וועלן מיר שענער מאַכן דאָס לעבן אין זייערע היימען.

צוליב דעם וואָס די סאַנאַטאָריע איז געווען אַזוי ליכטיק און שיין, צוליב דעם
וואָס דער פעדאַגאָגישער ניוואָ אירער איז געווען אַזאַ הויכער, איז זי געוואָרן אַ שם־
דבר מחוץ דער פּראָלעטאַרישער סביבה אויך. ס'האָבן גענומען אָנקומען ווענדונגען
פון דער יידישער אינטעליגענץ: אַקטיאָרן, זשורנאַליסטן, מענטשן פון פרייע פּראָפע־
סיעס — „נעמט אַריין אונדזערע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויף אַ ווילע".
האָט מען אין טייל פאַלן נאָכגעגעבן, איז געקומען אַ פרישע טענה:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געשאַפן געוואָרן פאַר קינדער פון עלטערן, וואָס
קענען זייערע קינדער נישט שיקן אין קיין פּריוואַטע סאַנאַטאָריעס, וואָס קענען זייערע
קינדער אין ערגעץ נישט שיקן, ווייל ס'איז קיין געלט נישטאָ. פאַר וואָס זשע נעמט
מען אָן קינדער, וואָס קענען יאָ פאָרן ערגעץ אַנדערש?

האָט שלמה גילינסקי געענטפערט: די טענה איז אין תוך אַ גערעכטע, אָבער
מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אויב מיר נעמען אָן אין סאַנאַטאָריע פאַר אַ פולן
קאָסטן־פּרייז עטלעכע קינדער, וואָס זייערע עלטערן געהערן צו דער סאָציאַליסטישער
אינטעליגענץ, געווינען מיר עפּעס אויך. די קינדער פון די פאַרשידענע היימען לערנען
זיך איינער ביים צווייטן און דאָס ברייטערט אויס זייערע האָריזאָנטן. די קינדער
דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס זייערע טאַטע־מאַמע טוען, וואָס זיי אַליין טוען אין
שול, ווי זיי פאַרברענגען די צייט מחוץ דער שול. מיר האָבן שוין אַ ביסל פּראַקטיק
אין דעם. די פריינדשאַפט פון די קינדער פון פאַרשידענע היימען האַלט אָן אין שטאָט
אויך. קינדער באַגעגענען זיך, און אַפילו די עלטערן אויך. דאָס איז אַ גרויסער פּעדאַגאָ־
גישער געווינס, דאָס איז אַ גרויסער סאָציאַליסטישער געווינס: אַ פּראָלעטאַרישע
אינסטיטוציע האָט גענומען לערנען אַ פאָלק ווי צו לעבן.

*

אויף צו באַשרייבן דעם סוף פון דער מעשה דאַרף מען נאָך ערשט שאַפן אַ נייע
שפּראַך.